# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה • **שמואל שלמה טעללער, קרית יואל**

**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**
ביטע רופט אַריין 845.783.0735
**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**
לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס
**מיט דאַנק פון פאָראויס - וזכות הרבים תלוי בכם**



## הגאון הצדיק רבי שמעון זאב מיללער זללה"ה

אב"ד אראד – מרביץ תורה במוסדותינו הק'

יג

### די דרשה אין סיגעט

עס האט דערציילט א תלמיד נאך פון די ישיבה אין אראד, הרה"ח ר' לייבל גראס ע"ה, אז איינמאל איז ער מיט עטליכע תלמידים מיטגעפארן מיטן רב פון אראד קיין סיגוט צום יארצייט פון הייליגן קדושת יו"ט זי"ע.

דאס איז געווען שוין נאכן קריג, און זענען פארבליבן דארט אויף שבת נאכן יארצייט מיט נאך אסאך אידן וואס זענען פארבליבן אין שטאט.

שבת נאכמיטאג בעפאר מנחה האט מען מכבד געווען דעם אראדער רב צו רעדן, און ער האט דארט אויפגעטרעטן מיט א מורא'דיגע דרשה. דערציילט ער, אז עס איז געווען אזא התעוררות אז דער ציבור איז באגייסטערט געווארן פון די דרשה, אז עטליכע אידן האבן אים געפרעגט אויב ער וויל פארבלייבן דארט לערנען מיט זייערע בחורים, ווילנדיג אז זיי זאלן נתחנך ווערן אונטער זיין השפעה.

### הוי שפל רוח בפני כל אדם

מיר וועלן איבערגעבן עטליכע שיינע ענינים וואס עס דערציילט זיין תלמיד הגה"צ ר' שמואל אהרן צין שליט"א מוהל מומחה רב ביהמ"ד ומח"ס אורה ושמחה, וועלכער האט נאך געלערנט ביי אים אינדערהיים אין אראד, און ער געדענקט זכרונות ימי קדם:

"כידוע זיין געוואלדיגע התבטלות צום רבי'ן זי"ע אויף גאר א זעלטענעם אופן. ווי באקאנט טראץ וואס ער איז געווען א רב און תופס ישיבה אינדערהיים מיט אסאך תלמידים דאהי וואס האבן געוואלט ער זאל ממשיך זיין מיט זיי דאהי, און ווייטער פירן א ישיבה און מרביץ תורה זיין, האט ער נישט געוואלט קיין שום התנהגות ברבנות וכדומה און נישט עפענען א ביהמ"ד פאר די תלמידים, מפני גודל התבטלותו פארן רבי'ן ז"ל.

אזוי אויך האט ער געהאט די זעלבע התבטלות אויך צו אנדערע ערליכע רבנים וואס האבן משתייך געווען צום שיטה פון הייליגן רבי'ן זי"ע.

### ומתלמידי יותר מכולם

אפילו זיין באנעמונג מיט זיינע תלמידים איז געווען למעלה מן ההשגה, זיין מהלך ווי אזוי ער האט גערעדט צו זיינע תלמידים איז געווען אויף א זעלטענעם אופן.

"ער האט צו יעדן בחור גערעדט בלשון "איר" קיינמאל נישט "דו", ער פלעגט אונז זאגן: זייט זי מוחל אלף פעמים", יעדעס מאל ווען ער האט עפעס געבעטן, ער האט אונז ליב געהאט אהבת נפש און משפיע געווען מיט א פאטערליכע ליבשאפט תורה מיט יראת שמים."

"ער איז בכלל געווען מעוטר מיט זעלטענע מידות מכבד זיין יעדן און זיך אראפגעלאזט צו יעדן, ער האט בכלל נישט תופס מקום געווען אין ערגעץ אויף גארנישט, ער פלעגט זיצן אויף די אונטערשטע בענק אין ביהמ"ד.

ביים זאגן 'שמע ישראל' יעדן טאג ביים דאווענען, האבן מיר געהערט קולות וואס האט בוקע רקיעים געווען, כידוע ביי אלע וואס פלעגן אים הערן דאווענען.

### ירא שמים יוצא ידי שניהם

מען דערציילט אז בעפאר ער איז אוועקגעפארן לערנען פון אינדערהיים קיין סאטמאר צום רבי'ן זי"ע, האט אים זיין פאטער הרה"ח ר' צבי משה ע"ה אנגעזאגט אז ער זאל נישט פארברענגען ביי די טישן, נאר אויסנוצן די צייט צום לערנען וויפיל ער קען, כדי עס זאל נישט גורם זיין ביטול תורה.

האט ער שפעטער געזאגט אז "ירא שמים איז יוצא ידי שניהם", ער האט ביידע מקיים געווען, סיי ער האט אויסגענוצט די גאנצע וואך מיטן לערנען, מיטן שלאפן נישט מער ווי צען שעה א וואך... און ער האט אויך מיטגעהאלטן די טישן פונעם רבי'ן, ווי ער האט זיך אנגעזאפט מיט קדושה וטהרה, און עס האט אים נישט געשאדט.

### כאשר סמך ידו עליו

דער אראדער רב האט זוכה געווען אויפשטעלן צענדליגער ערליכע תלמידים יראים ושלימים, בעלי הוראה, שוחטים, מלמדים מומחים באומנתם, מרביצי תורה בישראל. אינדערהיים האט מען געוואוסט יעדער שוחט וואס האט באקומען סמיכה פון אראדער רב זצ"ל, האט מען זיך פארלאזט אויף יענעם בלי שום חשש ופקפוק.

### עיניך לנוכח יביטו

עס דערציילט הרב החסיד רבי מרדכי בלום שליט"א מחשובי חסידי תולדות אהרן בעיה"ק, וועלכער איז געווען א תלמיד פונעם אראדער רב - ער פלעגט לאנגע יארן לערנען מיט אים דאהי, אז דער אראדער רב פלעגט אים אלץ זאגן דעם פסוק (קהלת ט' טז) וחכמת המסכן בזוי', פלעגט ער ווערן דערציטערט אים הערן דאס זאגן, האט ער געזאגט אז "דער רב האט דאך אזעלכע זכותים פון הרבצת התורה פאר תלמידים און לימוד התורה שעות ע"ג שעות", האט דער רב ז"ל געענטפערט "מיר שטייט פאר די אויגן דער גיהנום, איך זעה נישט פאר מיר עפעס אנדערש".

### ואהבת בכל לבבך...

עס דערציילט זיין תלמיד הרה"ג ר' עזרא דוויק הי"ו - כעת באויסטראליע - איבער זיין התמדת וחשקות התורה, אז צענדליגער מאל אינמיטן א שווערע סוגיא איז ער ממש נתפעל געווארן פון די אהבת התורה, ווען דער רב האט אויפגעהויבן

די גמרא עס ארומגענומען צו זיך און געקושט און געזאגט: "ווי זיס איז די הייליגע תורה".

מ'האט געזעהן ווי עס איז פשוט נפשו יצאה בדברו פון גרויס התמדת ואהבת התורה.

## חזרת הלימודים

דער אראדער רב האט שטארק מקפיד געווען מען זאל ארויסזאגן די ווערטער בשעת'ן לערנען מיטן מויל, ער האט געזאגט אז דאס ווערט פאררעכענט ווי עטליכע מאל חזרה, ער האט משריש געווען אין אונז א געוואלדיגע התמדת התורה, ער האט געלערנט מיט אונז גמרא, שו"ע או"ח, יור"ד חלק א' ב', און אלעס איז געווען ביי אים כמונח בקופסא.

## זיין ברייטע חכמה מיטן כח התורה

דערציילט רבי עזרא פארשידענע מערקווירדיגע פרטים וואס זאגן אסאך איבער די געהויבענע פערזענליכקייט פונעם אראדער רב: "איך בין געווען א אינגערמאן, און דער רב האט גערעדט צו מיר ווי איך וואלט ווען געווען אן אדם גדול, איך פלעג מיך פשוט שעמען, מיט אזא יראת הכבוד האט ער גערעדט צו יעדן פשוט'ן מענטש, ער פלעגט מיך רופן "רבי עזרא זיסער, מיין ליבער יוד"...

"ער האט געהאט א שטארקן ישוב הדעת מיט א טיפן תכלית, ער האט מיך מייעץ געווען מיט פארשידענע זאכן וואס האט געדארפט גרויסע ערענסטע החלטות, מען האט געקענט מיינען אויסערליך אז ער איז א תמים מיט תמימות און פארשטייט נישט וואס דער ענין אדער עסק איז, דערוויל פלעגט זיך ארויסשטעלן זיין געוואלדיגע פיקחות דעריין און חכמה גדולה מיט יעדעם ווארט וואס ער האט פאראויס געזאגט, עס איז זיכער געווען בכח תורתו הקדושה, וואס ער האט געהאט אזא טיפע הבנה אפילו אין ענינים אין וואס ער האט קיינמאל בעפאר נישט עוסק געווען".

זיין "בכל דרכיך דעהו" האט מען געזעהן אויף אים יעדע מינוט, ממש בלי היסח הדעת.

ער האט מיר איינמאל געזאגט אז ווען ער דאנקט איינעם פארן אים טוען א טובה, האט ער אינזינען צו דאנקן השי"ת, דער מענטש מיינט נאר אז ער דאנקט אים, דערווייל האט ער אינזינען דעם רבש"ע".

מיר פלעגן טאקע אלעמאל זעהן ווי עס איז שפתותיו מרחשין, יעדע פרייע מינוט נישט בשעת הלימוד, האט מען געזעהן דעם רב שעפשן מיטן מויל, אויפן וועג צום לערנען האט מען דאס געזעהן אויף די גאס, ביים דרימלען אויפן בענקל האבן זיך זיינע ליפן געשאקלט מיט ווערטער.

עס איז געווען באקאנט ביי די תלמידים א טייטש וואס דער רב זצ"ל פלעגט כסדר זאגן: "טעמו, איר מעגט עסן וויפיל איר וועלט, אבער 'וראו', איר זאלט זעהן, 'כי טוב ה'', עס זאל זיין גוט פאר השי"ת, דער רבש"ע זאל זיין צופרידן דערפון און נישט קרעכצן אויף דיין אכילה.

## סייג לחכמה שתיקה

דער אראדער רב פלעגט אלעמאל מזהיר זיין די תלמידים מען זאל ממעט זיין בדיבור, ובפרט ווען עס קומט צו מחלוקת און הלבנת פנים זאל מען זיין בולם פיו בשעת מריבה און נישט האבן קיין חלק אין קאכן מחלוקת און מחרחר ריב זיין.

ווען איינער האט אים אמאל געפרעגט אז ער האט א סכסוך מיט א צווייטן וואס איז אים שטארק מצער וואס ער זאל טוען, האט ער געזאגט עס שטייט "ואני כחרש לא אשמע וכאלם לא יפתח פיו", דערפאר שטייט 'פיו' נישט 'פי', אז דו וועסט זיין ווי א 'חרש לא אשמע', וועט יענער אויטאמאטיש זיין 'כאלם לא יפתח פיו'.

## פארוואס האט דער אראדער רב נישט געהאט קיין אייגן ביהמ"ד?

אסאך אידן האבן זיך אלע יארן געוואונדערט, "פארוואס דער אראדער רב האט געוואוינט אין וויליאמסבורג ארום 25 יאר, און ער האט נישט געהאט קיין אייגן ביהמ"ד? בו בזמן וואס רובם ככולם פון די רבנים וואס זענען געקומען פונדערהיים ווי זיי האבן משמש געווען ברבנות האבן מייסד געווען בתי מדרשים לתורה ולתפילה.

און דער אראדער רב האט געהאט גענוג אייגענע תלמידים וואס האבן ביי אים געלערנט, און זיי זענען געווען צמאים למוצאי פיו. אנשטאט דעם האט ער געדאווענט בקביעות אין סאטמארער ביהמ"ד הגדול, און ער איז דארט געווען כאחד מן השורה, זיצנדיג בקביעות אונטערן באלעמער - נישט אויפן אויבנאן - און זיך געדרייט אין ביהמ"ד כאחד מן השורה".

דערציילט רבי עזרא אז דער רב האט אים אמאל אויסגעזאגט דעם סוד פארוואס ער עפענט נישט קיין ביהמ"ד, היות ער איז א שטארקער מחמיר פאר זיך, און ער ווייסט אז די תלמידים וועלן זיך נישט קענען פירן ווי אזוי ער פארלאנגט פאר זיך, ממילא וויל ער זיי נישט מטיל עול זיין, ער וויל נישט קיינעם שווער מאכן מיט זיינע ענינים, ממילא דאווענט ער אין גרויסן ביהמ"ד ווי זיינע פריוואטע חומרות איז קיינעם נישט נוגע...

דאס איז א מבהיל'דיגע מעשה, ראו עד היכן מגיע כבוד הבריות.

## א הבטחה מיטן כח התורה, ובזכות מלוה מלכה

א היימישער איד מאנ"ש שיחיו וואס האט זיך זייער נאנט געהאלטן מיטן אראדער רב זצ"ל, האט זיך שטארק געמוטשעט מיט זרע של קיימא ה"י, און האט זיך כסדר מזכיר געווען ביים אים אז ער זאל אים מבטיח זיין א ישועה.

איינמאל האט אים דער אראדער רב געזאגט ער זאל זיך מקבל זיין צו וואשן יעדע וואך צו מלוה מלכה, און דאס וועט העלפן צו זיין ישועה, און האט אים געזאגט: איך בין דיר מבטיח מיטן כח התורה זאלסט געהאלפן ווערן, וכך הוה ב"ה.



אינדערהיים אין רומעניען מיטן סקולענער רבי'ן ז"ל, און הגה"צ מטשעקא ז"ל